STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01772

TOYBN IBER DENKMELER

Leibl Kupershmid

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קופערשמידט

טויבן איבער דענקמעלער

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1953

L. KUPERSZMIDT

GOŁĘBIE NAD POMNIKAMI

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę projektował: I. REJZMAN
הילע געצייכנט: י. רײַזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1955 r.

Nakład 5600 egz. Ark. druk. 2,25 Ark. wyd. 1,5 Papier druk. żebr. V kl. 61x86 cm. 80 g.
Nr. zam. 715 Druk ukończono w sierpniu 1955 r.
Druk. RSW „Prasa" Warszawa, ul Tarczyńska 8 4-B-51464

מיט הארץ פארקלעמט פון ווײ

עס האט דײן שטראלנדיקער בליק צו לײכטן אויפגעהערט,
נאר מיר האבן נישט דײן וועג פארלוירן און נישט געבליבן שטײן —
ארום דײן טויטן־בעט שטײט אן ערדוואך פון אלע לענדער פון דער ערד.
אן ערדוואך פון הערצער צעווײטיקטע פון פײן.

דעם חבר סטאלינס הארץ האט קלאפן אויפגעהערט?
די הערצער פון די שול־קינדער נעמען קלאפן האסטיקער און גיכער —
דער, וואס האט די היטלער־הענט אראפגעהאקט מיט זײן שײנדיקער שווערד?
דער, וואס קוקט ארויס מיט ליבשאפט פון די לערן־ביכער?

האט האט ער דאך אלע גאזקאמערן צעוואלגערט און אויסגעלאשן אלע גרוילן
און די קינדערלעך געשעפטשעט ווײטער פרײדיקן אצינד —
צי ווײניק האט געפעלט, אז אויך פון זײ זאל ווערן אש און קוילן,
אז זײערע פלאטערדיקע קרויגען זאלן ברענען אויפן ווינט!

ווען אונדזער לאנד האט מיט קײט אויפן האלדז אין רײ אויף טויט געווארט,
זענען ווי די פרילינג־ווינטן אנגעקומען די שײנבלענדיקע ווין פון חבר סטאלין,
און קינדערלעך, אויף טאנקען אויפגעהויבענע, האבן נײגעריק און צארט
געגלעט זײן קלוג געזיכט ארײנגעפאסט אין שײן אין ציטערדיקער פון מעדאלן.

א פאקל־צוג פון לעבעדיקע הערצער רינגלען איצט יסורימדיק ארום דײן טויטן־בעט,
מיט זײער צער זײ הײלן אײן דעם פאנענדיקן רויט —
דײן ליבשאפט און דײן שטרענגעווארענונג צעטראגן וועלן זײ איבער דערפער, איבער שטעט,
און וועקן צום ענדגילטיקן געפעכט קעגן אומרעכט, קעגן טויט.

דער רייץ פון מארגן־ליכט

די ליבשאפט, א ליכטיקע מיט איידעלע הענט,
ציט פון אש־טאל ארויס מיך אין א באגין פון אפריל —
א צעבליטע — זי האט אין מיר איר זינגער דערקענט
און קושט די הארף אין מיין האנט, כ׳זאל איר א פרילינג־ליד שפילן.

צי דען קאן מען פאר מאמעס אויף בראך־שטולן לייענען
א הספד אויף מאמעס, געיאגט צו דער שחיטה?
כ׳קאן די מילך אין די בריסטן פון די שארפע געוויינען
נאך ווערן געראנען און שוועבלדיק ביטער.

פון נעכטיקן חושך פארווירט — אוי ווי איך גאר
נאך מארגן־ליכט אייביקן, וואס לאקט פונדערווייט.
כ׳ווייס, נישט דערלייזן וועל איך די וועלט מיט מיין צער,
נאר אונדז וועט דערלייזן די וועלט מיט איר פרייד.

לאדזש, 1949.

אַ ליד צום חבר סטאַלין

ווען מיר זענען געלעגן אויסגעטוענע און שטומע,
ווי קרבנות אויף אַ אָנגעצונדענעם מזבח,
האָבן פֿון אונטער די מעסערס אונדז אָפּגענומען
דײַנע העלדישע קינדער — די רויטאַרמייער.

פֿאַרקלאַמערט אין האַס, אויף ברענענדיקע ערדן,
האָט מײַן אָטעם מיט פֿיבערדיקע ליפּן זיך געזעגנט.
נאָר דײַנע, מיט נקמה דורכגעזונטע, שווערדן
זענען בשורהדיק געקומען מיר אַנטקעגן.

האָסט געלערנט די לײַדנדיקע פֿון יעטוועדן לאַנד
פֿאַר דער פֿרייד זיך שלאָגן, און פֿײַנט האָבן, און ליבן,
און ווי האָבן דיר די בענקשאַפֿטן אַלע פֿאַרטרויט.
און אין דער לעצטער נויט איז אונדז אַלץ נאָך געבליבן
דײַן שטאַרקע און שיצנדיקע פֿאָטערלעכע האַנט
און דאָס וועקנדיקע ליכט פֿון קרעמלס שטערנדיקן רויט.

באשירעמער פון קינדער

די, וואס זייער פיין די צייט קאן צום שלאפן נישט פארוויגן,
שאטענען אריין פארבארגענע אין מיין יאמערלעכן ניגון.
ארומגעצוימט מיט שפאט מיט שטעכיקן פון שכנים,
און פון פריינד פארלאזט —
א יעדערער שרייבט אריין אין מיין מוח, ווי אין א פארמעט,
זיין נאמענס ערשטן אות.
ווי צוגעווינטן היילן זיי אריין אין מיין ערשטן דרעמל,
א וואקסן־ליכט בין איך,
מיט זייער פחדים־ציטער אויפגעפלעמלט.
זיי צינדן מיליאנען מאל מיך אן,
ווען איך לעש זיך, זיי זאלן מיך נישט געפינען,
און ראיען ארום מיר ווי ארום א בין־שטאק — בינען.
ווי אן עמער א צעלעכערטער איבער א ברונעם
טריפן אין דער פינצטערניש אריין מיינע טרערנדיקע קללות צו די שונאים.
מיר זענען ארעמער פון א שטיבעלע פון אונדזער אש צו ווינטן אנפארטרויט,

נאר אין אונדזער פאריתומטקייט נישט פארגעסן וועלן מיר די,
וואס האבן אונדזערע קינדער געראטעוועט פון טויט.
זייער מענטשלעכע גוטסקייט האט אונדז ארויסגעצויגן פון פארצערנדיקן תהום,
און זיי וואלט די ערד ווי א טראפן בלוט אין חעם פייער איינגעזאפט,
ווי אין טיפער אורצייט — סדום.
געהאנגען וואלט די לבנה איבער דער ליידיקייט צווייפגעהאלט,
ווי א פיאווקע און אנגעזויגענע מיט רויט
ביז צום פלאצן אנגעשוואלן.
איז ווי דער בשורה־אנזאגער, דער יונגער פראבאטיי,
אוועק מיט איר ליכט אין געטא און אין וואלד
די רויטע ארמיי.
האט פארברידערט זיך מיט זיי
אין טויט־פארמעסט און נצחון־מארש
אין יסורים און אין ליד,
און דעם פיינט פון ליכט צום תלי פון חושך צוגעשמידט.

אנגעקומען איז זי:
פון הימל,
פון די ימען,
פון וועלדער און פון שטעט,
אין העלמען, אין ווייסער שיין געשוואנקענע —
שוואמען נאך א רעגן.
ארומגעמאטלטע אין באיאך־מוזיק,
אין נאכט־טומאנען איינגעדרעמטע,
געטרונקן זייערע טראפנס שווים האבן פליינען,
נאך טראפנס טרי פארבעקטע.

א געטאטענע פון ווילן און פון שטאל
אויף רייט־פערד צעברויזטע און גרינע.
פון זייער פארפאנצערטקייט
איז דעם מערדערס מעטער צום הארץ צום אייגענעם צוריקגעשפרונגען.
אויפגעריסן האבן זייערע ברענענדיקע קנייטן די שווארצקייט פון דער
נאכט
ווי דינאמיט־שניירן אנגעצונדענע רייסן קוילן־פלאסטן אין דער שאכט.

געגליט האבן די שטערן אויף זייערע היטלען,
ווי אין יולי־פארטאגן — רויטע בלומען.
א שיין געזיכט איז יעדער זייער שפיז,
געטונקען אין שוואם קלעפיק־שווארצן טינט,
און אויף דער מארגנזוויסקייט,
ווי אויף ליוונטן צעוויקלטע
פארשריבן האבן זיי
די טויטן פון יעדער מאמען
און פון יעדן קינד.
פאר דער גסיסה האבן מיינע גאנטע געחלומט וועגן זיי
ווי א בוים א האלב פארטרוקנטער
זעט ווייסן בליעבין אין זיין ווינטער־טרוים פון שניי.

קינדער אין גערטנער פרילינגדיקע
וועלן פון דור צו דור זינגען
וועגן זייער איזהעלער נקמה.

צום חבר פרעזידענט

בעווען זענען הערשער אין פוילן,
זיי האָבן פאַר אונדז זיך נישט קיינמאָל אָנטפּלעקט,
איך האָב זייערע צורות געזען —
אין הילפס־רופן פאַרשטאָכן אין נאַכטישער שרעק
פון צעשלאָגענע פאָרלעך אין פרילינג־אַלעען.
די האָרן מיט שווערדן אויף שוואַרצע רשפאַנעס —
זיי האָבן דעם פויערישן עלנט פאַרגיטיקט
מיט געכאָרכל פון פרויען בײַ צעפּליקטע סטראָגאַנעס,
מיט מעסערס פון בריסק און פון פשיטיק.
נאָר דו, דער ליכטיקסטער קאָפּ פון אונדזער מדינה,
האָסט פון פינצטערן קאַרצער אונדז צו טאָג־ליכט געוועקט,
מיט בליקן, ווי שטראַליקע זעגן, שאַרפע און דינע,
די שטאָלענע תפיסהשע קראַטן צעזעגט
און באַפרייט אונדז פון חיהשע ציין,
ווען אונדזער בלוט אויף דער חיהשער צונג האָט געברענט.
האָסט גערופן: קומט אַרויס פונעם טאָל פון געוויין!
דעם וועג אונדז געוויזן: זייט פריי!
מיר זענען געקומען אויף דיין רוף, פרעזידענט,
צו ליכטיקע זונען,
און בויען דאָס פוילן פון מי און פון פרייד.

די ציגל פון ווארשע

מיט וויפל פייערן ס'איז דיין יעטוועדער ציגל דורכגעגליט,
מיט וויפל בלוט און טרערן דורכגעקנאטן, —
מיט אַזויפיל ליכט זאַלסטו אויפגיין,
מיט שייַנקייט און מיט ליד.

מייַן זון איז מיר פינצטער געוואָרן
מיט בליקן אויסגעלאָשענע פון זעקס מיליאָן.
פאַרפינצטערט האָט מיך דער,
וואָס האָט דיך אָנגעטאָן אין פלאַמען.
דייַן יעטוועדע וואַנט
איז א רויטע, פון טויט-געראַטגל און אַרויסגעדראַטעוועטע, פאָן.

אויף א תוכער וואַנט שטייט א מויערער —
א לעבעדיקער מאָנומענט,
זייַן קעלניע פון וואָפנע אויסגעשליפן —
א פרילינג-זון וואָס ברענט,
דער ציגל אין זייַן דלאָניע מיט פייַן און פלאַמען דורכגעגליט.
דער קערפער בראָנזיקט אויפן פאַסטומענט פון די חורבע אַרומען
ער הייבט די שטאָט פון תהום אַרויס
און זינגט דערביי א ליד
פון דער ליבשאַפט, וואָס וועט קומען.

טויבן אויף דענקמעלער

אין דער הייך און אין דער ברייט,
אַזוי ווי דער בליק קאָן נאָר דערגרייכן,
דרשמאַוואַניעס געפּלאַצטן און געקרייצט —
כּפֿלדיקע צייכנס.
פֿון אָנפֿאַנג־שולן טויכט אַרויס אַ קינדער־טרויס,
פֿון קליינע שילער אויסגעצויבערט:
די זינגענדיקע אָרשולקע אויף קאָמאַגאַוואַקיס הענט
שפּילט זיך מיט זיין ברוינער באָרד צעשויבערט.
דער פּאַטער פֿאַרציט דעם טאָרניסטער אויף אירע שמאָלע אַקסעלעך
און קושט זי נאָכאַנאַנד,
זי שפּרינגט אַראָפּ און כאַפּט אָן דעם צעראַטענעם פּוטליאַר
פֿון יאַנקאַ מוזיקאַנט.
זיי נעמען ביי די הענט זיך אָן,
לויפֿן מיט דריבנע טריטעלעך אין דער נייער שול;
דער פּאַטער מורמלט: אַזאַ קליין נשמהלע
און דאָס גאַנצע פּוילנלאַנד איז מיט איר געלעכטער פֿול.

אַ געדונגענער שפּיאָן קריצט מיט די ציין
אויף די מויערן, באַהעמדלטע מיט וואָרעמע פּלאַקאַטן,
די אויגן שפּריצן פֿונקען —
רענדלעך פֿון די נעגער־לינטשערישע שטאַטן:
ער חלומט פֿון עקזעקוציע־פּלעצער,
פֿון בעטלער־קינדער מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
פֿון אַ הויפּט־שטאָט געשענדעט און פֿאַרברענט,
אַ פֿרייד בליצט אויף און אין אים:
די באַקטעריע־ברידערלעך זיי גייען שוין אַהער,
זיי קומען!
נאָר וואָס אַזוי פּאַמעלעך —
ווי די ווערעם באַגאַזערטע מיט דזשומע?
ער פֿאַרגיסט דעם אַספֿאַלט
מיט בראַנפֿן, מיט שנאה און מיט גאַל —
אָט באַלד וועלן די קינדער דאָ פֿאַרבייגן,
וועלן זיי זיך אויסגליטשן און פֿאַלן.
באַמערקן דאָס די טויבן אויף די דענקמעלער,

אויף די געטורעמטע רויטע שטריכן ציגל,
ווי לאָזן זיך אראָפּ און שטעכן אים מיט די שנאָבלען
און שלאָגן אים מיט די שאַרפן פון די פליגל.
דער שונא פאַלט אַנידער
פון אונדזער וואַבנדיקער לויערנדיקער פרייד,
די טויבן פלאַטערן פאַרביי,
מיט העלער קינדער־פרייד אויף די פליגל ווי פאַרשווּעבן.
די בלומען־קלומבן אויף די הויכע האַרמאָנישע באַווייגן זיך:
די וועסט עס נישט דערלעבן!
זוואַריגסקי שטעלט זיך אָפּ אויף דער ווייסל־בריק,
אויפן פנים ברענען די שראַמען פון די זשאַווערדיקע קראַמען.
ער לייענט:

Nasi pomszczą jak należy
Śmierć zmarłego brata,
I na grób mu zamiast wieńców
Rzucą głowę kata.

אין די ערד־טיפענישן

איך לאָז זיך אין דער פינצטערניש אראָפּ
אין די טיפע שוואַרץ־שטיינערדיקע תהומען,
די דרימלענדיקע חשכות איך צעגראָב,
פון דער פינצטערניש כ׳וועל דאָ ליכט אַרויסבאַקומען.

ווי גסיסה־שימערן פון ווייטע שטערן,
פינקלען מיינע בליקן אין אונטערערדישן טונעל.
אין דעם ישוב האָט היטלער די שאַכטיאָרישע לאַמטערן
אויסגעלאָשן. צו זיינע מעשים פינצטערע האָט אים דאָס ביסל ליכט
געשטערט.

מיין היימשטאָט ברענט אין מיר — א קנויט אין א טויזנט־שויביקער
לאַמטערן.
איך העלף סטאַלינס קינדער אויפן פראָנט אין זייער גקמהדיקן לויער
די שנאה פינצטערע וועט פון אונזער ליכט פארשרפהט ווערן.

קוילן־שאַכטע „אָגאַריאָוויקע“ (ראָסטאָוו־באַנד) 1942.

שטאָל־גיסער

די בראָנזענע לייט מיט די ליכטיקע הענט,
מיט געמוסקלטע הענט און שאַרף־אייזנס לאַנגע,
וואָס פּורעמען ליבשאַפט אין מוט און אין ווילן,
מיט ליכטיקע אויגן הינטער טונקעלע ברילן,
מיט צערויטלטע הויטן,
ווי וואָלקנס אין זומער־פאַרנאַכטן —
די בראָנזענע לייט מיט די ליכטיקע הענט,
וואָס וועקן די וואַרעמקייט אויף פון פאַרשטיינערטע שאַכטן, —
איך האָב זיי אין גרוילן און זיגן דערקענט.

די מעסער אויף שטעכן און שעכטן און טויטן
זיי גיסן אונדז איבער אין מעסערס אויף ברויט —
די בראָנזענע לייט ביי דעם שמעלץ־פלאַם צעהעלטע.
אין זייערע שווייס־טראָפּנס זע איך צעשפּיגלטע ליכטער,
שטראַלעוודיק־דינע —
די נאָדלען פון אונדזערע שניידער־מאַשינען
אין שטיפעריש־היימלעכן קליידער־גענײ.
זיי שאַפן מיליאָנען וואַגאָנען,
וואָס לויפן אַנפערדיק אהין און צוריק,
איבערפולטע מיט מענטשן מיט פרייד און מוזיק
מיט ברייז און פאַרשטעמפּלטע גריסן
דורך גרענעץ צו גרענעץ, וואָס האָס האָט צעריסן.

און ווער מיסטערט די שווערד
צו שיצן די קינדהייט,
וואָס ווערט פּודאָסני איצט געבוירן?
די בראָנזענע לייט פון דער שטאָל־גיסעריי.
אויף זייערע שטאָלענע ברילעס, וואָס גליען,
מיר קלעפּן איצט אונדזער פּאַרטרייען,
ווי זון־פליעקן רויטע אויף עפּל, וואָס בליען.

איך קאָן מיט דער האַנט אויפן האַרצן אייך שווערן,
אַז זייערע אָדלערס
וועלן מאָרגן פאַרפליען צו ווייט־ווייטע שטערן.

ס'וועלן באַבעס אויף יום־טובֿ־טעג קיכלעך פּאַרקנעטן
און קלאָר ביי די באַק־אויוונס הערן
פֿון ווייטע פּלאַנעטן דאָס קוואַליק געלעכטער
פֿון אייניקלעך שטיפֿער, —
וואָס שפּילן זיך דאָרטן
און קוקן אויף זונען מיט טונקעלע ברילן,
ווי זייערע מאַמעס אין פּלאַם פֿון די אויוונס.

נישט קיין חלום איז דאָס פֿון ווייטן אַמאָל —
ס'איז די זוניקע וואָר,
וואָס דרימלט אין שטאָל.

צום געבוירנטאָג פון א חברטע

די האַנט־נייערין, וואָס העפּט אַרבל אײַן אין די קאָסטיומען,
האָט הײַנט פון אירע חברטעס באַקומען צו איר געבוירנטאָג
א קוישל בלומען.
זי איז יונג און איז א שלאָגלערין
און א מאַמע פון קינדערלעך פון צוויי —
איר מאַן איז אין וואַרשע אומגעקומען
אין געפעכט מיט היטלערס מאָרד־אַרמיי.
זי טיילט אונדז מאָנבייגעלעך, קאָוועלעך און קאַראַמעלן —
די חיסקייטן, ווי אין ראָזע ביבולע,
געשוויקלט זענען אין שעמעוודיקע שמייכלען,
ליבלעכע און העלע.
אין פּרישמיק־צייט טוען די חברטעס זי אַלעמען מאַכן אויך די הענט
א נעם.
די גליק־ווינטשן און האָט ליד קאַלעכט זיך פון האַרץ צו האַרץ.
די פרייידיקייט ריזלט אויפן גאַס אַראָפּ,
און ווי ווינט, וואָס האַלט אונטער א פלאַם,
כאַפּט דער דרויסן אונטער דעם רעפריין:
סטאָ לאָט ניעך זשיע, זשיע נאָם.
איין אַרבעטערין, א יידישע, בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ אָנגעכמאַרעט און
טריב:
זי קען זיי נישט פאַרטראָגן.
זי האָט קיין „גוים” שטאַרק נישט ליב,
נאָר אז די חברטע דערלאַנגט פרײַנדלעך א לעקעכל מיט מאַן איר,
ווינטשט זי איר א גליקלעך לעבן מיט א זיסלעך־זויערע מינע אויפן פּנים.
וואָסער שייכות האָבן דאָס מיט איר די ניי־מאַשינען?
די אַרבל־העפטערינס און די קליינע שלאָגלער־פאָנען?
זי פאָרט גרינגלעך איצט אַוועק אין לאַנד פון בדמיונען.

* * *

איר חברטע, א סטודענטקע, האָט דעם יוגנט־מאַרש געזונגען,
געצירט זיך אין א רויטן ליכטיקן קראַוואַט.
איצט האָט זיך אויפן ברוסט צו א פּראָבניק אין אַלטן איר יוגנט־טרוים
באַשטאַט.

א צווייטע חברטע האָט איםשטיינטריק פֿון שיף געזונגען:
פֿריי, פֿריי, פֿאַלעסטינע פֿריי,
און צוזאַמענגעטראָגן א גלאָז בלוט פֿון זיך פֿאַרקויפֿט
פֿאַר טרומאַנס מערדער אין קאַרעע.
גאָר מיר די פֿאַרפֿראַנצויזטע, פֿאַרעקשנטע מאַנטלטייער,
וואָס זענען דאָ פֿאַרבליבן,
שטעפּן תכריכים פֿאַר אלסדינג, וואָס מיר האָבן,
און מלבושים גרייטן מיר פֿאַר אלע; וואָס מיר ליבן.
ווייל מיר קאָנען אזוי טיף ווייטיקן אויף אלץ,
וואָס מיר האָבן אָנגעוווירן —
שענקען מיר אין מינוטן ליכטיקע בלומען און ארבעטס־חברטע
צום טאָג פֿון איר געבוירן.

צו א פּוילישע זינגערין

די קלאַנגען, וואָס קומען פון דיין מויל אַרויסצושוועבן,
זענען פייגעלעך באַפעדערטע מיט אומרו און ציטער פון לעבן.
זיי פלאַטערן פאַרביי דעם ליכט־שטראַם, דעם קלאָרן,
פאַרביי דעם פלייצנדיקן בלענד פון די פּראָזשעקטאָרן.

די שטילקייט האָרכט זיך איין — א וואָך און אויפגעציטערט אויער.
די קלאַנגען רוימען א סוד א טרוימערישן איין אין די אויערן פון די
צושויער.
די וואַרעמקייט, וואָס הייבט פון דיינע פינגער אין די קלעפּעלעך
פונעם טאַמבורין,
דערמאָנען דעם שלאָג פון רעגן־טראָפּנס אויף א קערשנביימל
אין באָגן.

איבער פלעמלען אויף פון דיין געזאַנג ציטערדיק און זוניק,
די פלעמלעך שיקן שטראַלן צו דיין מויל צוריק — א ציטערע טרינקט
טרוניק.
פון דיין ליד וואַכן הערצער אויף דערשיטערטע און געווידעט,
פאַרטייעסטע אין שטענדיקן שווייגן גייען איין די פידלען און
קלאַוויר.

די קרעלעכלעך צעשיטערט אויף דיין ציגיינער־בלוזקע זענען טראָפּנס
טוי אין מאָרגנדליכט פאַרשפּינע,
אַראָפּגעפאַלענע פון די פּרילינגדיקע ביימער אויף דער בינע.

און אויך דאָס הערפעלע געמאָלענע וואַכט אויף, מיט ווייסן
בליעכן אָפּגעשוט,
און פונעם בליעכן טשווימשערן באַהאַלטענע אַרויס די ווילבן
רייצנדיקע פון דיין ליד.

דער זייפן־בלאָז און דער ווינט־פויגל

(אַ קינדער־ליד)

רייזעלע די שטיפערקע
מיט אויגן בלאָע און בעקלעך ראָז
האָט פון וואַסער און פון זייף
אָפּגעבלאָזט אַ זייפן־בלאָז.

איז דער זייפן־בלאָז געפלויגן
צווישן כמאַרעלעך באַוואונדער,
אַלע פייגעלעך אַרום
האָבן אים באַוואונדערט.

— ווי שיין עס איז דאָס פייגעלע!
וווּ איז דאָס געווען?
אַ רעגנבויגן־פייגעלע
האָט ווער אַמאָל געזען?

די פייגל רופן: קום אַהער!
לאָמיר פריינדשאַפט שליסן,
שיין ביסטו, געפעלסט אונדז זייער,
מיר ווילן דיך באַגריסן.

נאָר ס'בלאָזט פון זיך דער זייפן־בלאָז,
פאַרצלדיק און גרעפיש.
נאָר ס'האָט אַ פויגל אים אַ קוש געטאָן,
האָט ער געפּלאַצט פון עגמת־נפש.

3. ניו־יאָרקער ייִדישע מאַמע פֿון אַ רוצח אין קאָרעע
בעט ביים יום־כּיפּור־ליכט פֿאַר איר זונס לעבן

די קינדער, וואָס האָבן לעבן געוואָלט און שפּילן זיך פֿריי,
ווינטלען קיין ניו־יאָרק אַריין אין שקיעה־שעה שפּעטער.
די מאַמע, וואָס האָט געבוירן די בראַוודיקע טויטן פֿאַר זיי,
ביים יום־כּיפּור־ליכט פֿליסטערט פֿרומע געבעטן.

איר זון האָט אויגן אומשולדיק און בלוי,
ער קאָן איר נאָך נחת און אייניקלעך געבן,
און ליבלעך איז ער און יונג נאָך אַזוי —
די פֿרוכט פֿון איר טראַכט האָט נאָך יאָרן צו לעבן.

זי בעט: מיין זונעלעס מזל, ווי אַ שטערן זאָל לייכטן —
דאָס ליכט־פֿלעמל זעענט זיך פֿון איר אָטעם אומרויִקע:
קאָרעיִשע מאַמעס צו אָטעם, פֿאַרקייכטע,
קרייזלען דאָס ליכט־פֿלעמל אַרום מיט דערשטיקטע געוויינען.

קינדערשע אויגן פֿאַרגלאָזטע פֿון פּהעניאַן פֿאָטער און [illegible] —
די שקיעה ברענט רויט מיט זייער פֿיין אומגעשטילטער,
די שטוב ווערט מיט יאָמערן פֿול —
ווי פֿאַרלעשן דאָס ליכט מיט זייערע אָטעמס פֿאַרקילטע.

מיין מאַמע פֿאַרטרעטענע באַוועגט אַ קינד פֿון קאָרעע,
זי קושט די ליכטיקע טרער אויס אַראָפּ פֿון דער ברעם,
און צו דעם צעוויינטן קינדל זי בעט מיט דערשטיקטן געשריי:
— פֿאַרשאָלטן זיי, מערדער פֿון מיר, האָבן מיינע פֿרומע תחנונים
פֿאַרשעמט.

א פרוי פון א ניו־יארקער פראפעסיאנעלן פליער וויגט איין איר קינד

ערגעצוו אין לאנד קארעע
ווילן זיך די קינדער פרייען,
אויך נישט איינשלאפן, ווי דו...
שלאף מיין טייער זונעניו.

טאטעס פונעם לאנד קארעע
ווילן ס'פעלד מיט רייז פארזייען,
ס'וויל דער פויער זאנגען שניידן, —
קאן עס טרומאן נישט פארליידן,
ווערט זיין פנים ווילד און רויט, —
הייסט דיין טאטן: — זייען טויט!
זאגט: זיי האבן עס פארדינט...
לולינקע מיין קינד.

ווערט דיין טאטע פאר די מארדן
קריגן פעטע טשעקס ביי פארדן —
וואס טוט יעטקע נישט פאר געלד,
וואס האט גוטע ביזנעס האלד...
און אויך דיך, מיין יינגל דו —
איך אין קאפ, מיין זונעניו.

ס'וויל א פולווער־טרעסט דאס לאנד פארשלונגען
האט מען אים דערצו געדונגען...
ס'זאל, חלילה ווארט דיין טאטן,
אט דער ביסן נישט פארשאטן,
ס'זאל די ערד נישט, ווי איז מיר,
אים אליין פארשלינגען פריער...
אוי איז עס אן ערדעניו!...
לירליו,לירליו.

צו אַן אַמעריקאַנער יידישן זעלנער אויף זיין מאַרש קיין קאָרעע

ער פאַרשטעקט אין דער ברוסט א קמיעהל'ע
מיט שפּרוכן געהיימע, פאַרהוילענע,
אַז ס'זאָל קיין בייז אים נישט טרעפן
ביים צינדן און ביים קוילענען.
א שבועה נעמט פון אים אָפּ
דער גראַבעהדלדיקער פעלד־ראַבינער:
— דער אויבערשטער זאָל דיר פאַרגעדענקען
דעם זכות פון אברהם אבינו.
געבראַכט האָט ער אויף דער עקידה
בלויז זיין יינגעלע דעם קליינעם,
און דו גייסט הייליקן גאָטס נאָמען
מיט קרבנות פון מאַמעס און פון קינדערלעך אייניקעם.
דער געבאָט לא תרצח איז א חטא,
נאָר איצטער — צו דערפילן:
דער תהילים זאָגט,
מען מוז אמאָל א זינד באַגיין צוליב הערהויבענע צילן...

בידוע, האָט גאָט צו משתן אין דער מדבר זיך באַוויזן
פון א ברענענדיקן דאָרן,
ובכן, מאַך דו פון קאָרעער־לאַנד א מדבר —
א מצבה לזכרון.
און דאַרפסט בזמן הזה נישט נאָכקלערן,
וואָס שקר און וואָס וואָר איז!...
דער מלך טרומאַן איז גאָטס ביימש
און דו — דער ביימשס משרת.
און מיש אויף דעם תנך און קוק נאָר אויף צופליסן,
אויף לשון־קודש איז קאָרעע דער טייטש — צערייסן.
וועסט בשלום צוריקקומען ווי א קינד —
אַן אומשולדיקער, א ריינער.
ובזכות זה ובא לציון גואל במהרה בימנו. — — —

איינגעמאַרינירט אין ברכות, ווערט דעם זעלנער אויפן האַרצן גרינג.
א הימערהער ער שמייכלט אויפן שיף־דעק צו א היטלער־יונג:

— דיין פירער, קאמעראד, האט נישט פארמאגט קיין שכל פאר א פעניג.
מיט אזוינע יידעלעך ווי איך, געמאכט וואלט ער די וועלט זיך אונטערטעניק.
בין איך נישט אזא מענטש, ווי דו? נו, זאג אליין!
וועסט זען, איך קען, אזוי ווי דו, צעשפאלטן קינדער־קעפלעך אין א שטיין,
און איך —
ווי די זון קאיאר קושט יעדן טראפן טוי אריין א פלעמל־שפראץ פון זיך,
בענטש פון מיילן טויזנטער די שפיז,
וואס וועט דיר שענקען פינצטערניש
און נעמען פון פרייהייט און פון ליבע!

אַן אינוואַליד פֿון קאָרעער פֿראָנט קומט אַהיים קיין ניו־יאָרק

דאָס פּרצוף אויסגעקרומט און געל,
די הענט באַפֿלעקט מיט קינדער־מאָרד —
אַן אינוואַליד אַן אײנפֿיסיקער
שטייגט אָפּ אינעם ניו־יאָרקער פּאָרט.
ער הינקט אַרויס פֿון דער שיף
ווי טרומאַנס שאַנד־מאָנומענט —
די קוליע — אַ טראַגיקע
שפּרינגט אים אָפּ פֿון די הענט.

די קוליע, אַ צווייַג פֿון אַ חרובער ווייטער מדינה,
בליט דאָ אויף אויפֿן ברוק מיט גישסקנאָספּן גרינע.

פֿונוואַנען נעמט זיך דאָ דאָס קינדער־געוויין,
פֿונוואַן?
די צווייַג גיט אויס דעם יאָמער פֿון אַ קוואַרטאַל אין פֿהעניאַן.

דער אינוואַליד — אַ נישט אויסגעשלאָפֿענער, אַ באַטריבטער,
קלאַפּט אָן אין דער טיר פֿון זיין יונגער געליבטער.
אַ מיידל־געזיכט ליכטיקט אויף דערשראָקן און בלאַס
און צאַנקט אין דער פֿינצטער מיט שפּאַט און מיט האַס.

ער שפּרינגט אין אַ קווער־גאַס אַוועק,
דאָס בלוט שלאָגט מיט האַסט אין די שלייפֿן,
ער קלאַפּט אין אַ טיר אָן:
שוועסטער, האָב מיטלייד און עפֿן!
אַ געזיכט פֿון אַ יונג־פֿרוי,
ביי דער ברוסט אַ זייגנדיק קינד.
זי טוט אַ קלאַפּ מיט דער טיר און פֿאַרשווינדט.
ווי אויף אַ קלאַפּ־שלאָג פֿאַרכאַפּט זיך זיין אָטעם אין קעל.
אַ ווינט קומט צו שוועבן
און רייסט פֿון זיין גוף דעם שינעל.
אַ האָפֿענונג טויכט אויף ווי אַ פֿונק איבער פֿאַרשאַרפֿטע שטאָמען —
ער הייבט אָפּ און פֿאַלט צו צו דער טיר פֿון זיין מאַמען:

— עפן, מאמע!
דיין צעבראכענער זון איז געקומען! —
עס ענטפערן פון הינטער דער טיר מאמישע אויגן שטומע,
איר פנים ווי דאס אש אויפן שיטעל אזוי גרא.

א פינצטערער — ער לאזט זיך אראפ אין טונעל פון מעטרא.
ווי אפגעבריט שפרינגט א מאן פאר אים אויף פון דער באנק,
ער זעצט שווער זיך אוועק און זיפצט אויס:
„א דאנק! — — —
און די מאמע די אייגענע מיאוסט זיך?”...
און ס'ענטפערט דער מאן:
אויב א מאמען פארגלוסט זיך צו האסן א זון,
וואס שליידערט מאמעס אין פייער —
קאן קיינער אין דעם איר נישט זאגן קיין דעה...

די קנאכיקע קינען פארשפיצט נעמען צוקן אין פיבער,
אליין אין וואגאן ער בלייבט איבער.

דאָס שלום־ליד

די שׂנאהדיקע סטראָפן אין די ליבשאַפט־לידער,
געווידמעט האָבן די, וואָס גרייטן ווידער טויט־געפאַרן,
וואָס זייערע אויערן זענען מיט פינצטערניש,
ווי מיט וואַטע,
פאַר יאָמערן און פּיין פאַרשטאָפּט.

אין אונדזער בליק בליט די פאַרביקייט פון א קאָרן־בלימל,
וואָס האָט אויסגעמיטן די קאָסע פונעם שניטער.
די ליבשאַפט זינגט ביי אונדז אַרויס פון אַלע שלום־לידער:
די ליבשאַפט פון א לאַמען אינוואַליד,
וואָס קניט א געהויקערטער אַנידער
און קושט דאָס פיסעלע פון זיין וויינענדיק קינד
מיט ליפּן אָנגעגליטע
אויף דעם אָרט, ווו אַמפּוטירט זיין פיס האָט א גראַנאַטן־שפּליטער.

אונדזער צער נאָך די פאַרשניטענע
איז זיכער נישט קיין שטיין,
א געשלידערטער און שווייגנדיקער כוואַליע פון א טייך.
יעדע בלינדע חורבה שרייט אַרויף צו די נייע הייזער
מיט די זונטיקדיקע שויבן,
פון אַלע אירע ציגל טריפט אַראָפּ דער גוטסדיקער טרויער:
זאָל זיין דער ווילן פון די שעפער, דיינע ברידער
נישט לאָזן איין, ווי מיך פון זעגעלישט באַרויבן.
עס האָט אין מיר געטעסטיקט ווערעמקייט א סך און פרייד,
נאָר מיט האַקנקרייץ עס זענען אָנגעקומען
דעם טויטס שיכורע גזלן
און אַרויסגעריסן אַלע טירן,
פאַרשרפעט אַלע שוועלן
און די גאַנצע פרייד אין מיר צעזויפּנעקליבן
און צום אומשלאַג־פּלאַץ געטריבן.

בלייבן שטיין פאַרחידושטע די ניי־געבויטענע בנינים
און ווי ברענענדיקער שטאָל פאַרקלאַמערטע אין צוואַנגען
די פינצטער גליען אויף מיט טויט־האַס צו די שונאים,

און די מאַרמאָרנע מלאכים אויף די גזימסן
ביילן אַן די הענט אין שטיינערדיקע פויסטן.

פון יעדן טראָפּן טוי אויף די אַלייען, אויף די הויכבוייקע סקווערן,
פלעמלט אויף אַ פענדעלע מיט אַ רויטן שטערן.
די פענדעלעך מישן מיט רעגנבויגנפאַרבן זיך
און שלום איז אויף ווי אויף אַלע מענטשלעכע לשונות אויפגעשריבן

בעלאָיאַניסעס טויט

חבר בעלאָיאַניס, מוטיקער פּראָמעטײ,
צום פעלז פון קאַלטן טויט פאַרקאָװעט —
דער פויגל מיטן רויבשנאָבל קומט איצטער פון קאָרעע,
זײַנע שפּיזער האָבן אים מיט קינדער־לײַבער אויסגעבאָוועט.

דער שנאָבל פּלוקט דײַן האַרץ, דײַן לײַכטנדיקן גלויבן,
נאָר קאָן אים אַלץ פאַרצוקן נישט באַװײַזן.
זע, מיליאָנען װײַסע פליענדיקע טויבן
אַרום דײַן פעלזיקן געלעגער קרײַזן.

די טויבן בייגן זיך אין פלאַטערדיקן לײַכטיקן װיכער,
זײ ברענגען ברידער־גרוסן דיר אויף טויזנט שפּראַכן:
— שלום, שלום — װאָרקען זײ — פון אַלע לענדער קומען מיר,
נאָר מיט די רויבער פון דײַן האַרץ מיר װעלן נישט קיין שלום מאַכן!

צו פרי פרײען זיך די שומרים פון דער פינצטערניש מיט בלוט באַזויפּענע,
ס'װעט דער פאַך פון שלום־טויבן זײ נישט אויפהערן צו כריען.
לײַכטיקרויט איז אונדזער װאָרענונג, װי דאָס בלוט פון דײַן װונד דער
אָפענער —
צו די, װאָס קאָנען נישט באַװעגן זיך און װילן פליען.

ברודער אונדזערער, שטאַרבנדיקער פּראָמעטײ,
מיר פאַרװיגן דיך מיט צאַרטדיקע לידער, אין צאַרטדיקן ליכט פון פאַנען,
און די רויב־פייגל מנפּחשע און זייערע חאָרעװער — װי װעט זײַן צו זײ,
װען מיר װעלן אין טאָג פון משפּט דין־וחשבון מאָנען!

דער וואָלף און דאָס נאַרישע שעפּסעלע

(משל)

—צי קאָן א שעפּסעלע דעם פּילן אונדזער עלנטקייט די שוואַרצע?
אלע הימלען וועלן פאַר אונדז זינדיקע פאַרשלאָסן. —
אזוי האָט אויסגעגאָסן פאַר א שעפּעלע א וואָלף זיין ביטער האַרץ,
איידער ס׳האָט דאָס שעפּעלע פאַר אים זיין בלוט פאַרגאָסן:
פאַר אונדזער רויבער־קעל עס שטייען בלויז נאָר אָפן
פון גיהנום אלע זיבן הונגעריקע טירן,
ווי צונגער אונדזערע מחבלים וועלן רייסן, שטראָפן
פאַר אונדזער גיריקער רציחה.
— אמת זאָגסטו, ברודער־וואָלף, ווי כ׳בין א שאָף־קינד, —
זאָגט דאָס שעפּעלע און ס׳שטיקן אין האַלדז די טרערן.
איך שעם זיך אין דיין ווייטן האַלדז אריין פאַר דיינע זינד.
ווי וועל איך פון דיר קאָנען מיט א האַרץ א רואיקס אויפגעגעסן ווערן?

אויפגעהויבן האָט האָס מאַרדעלע די צדקניותדיקע שאָף,
דער בליק פאַרנעפּלט מיט א בלויען רויכל.
— הערבאַרעמדיקער פּאָטער, טו אָפּ פון אים דיין בייזע שטראָף,
זיי מוחל אים, דעם זינדיקן, ווי איך בין אים דאָס מוחל.
זיי מילד צו אים, פאַרגעס מיין פרום געבעט,
מיין יעדעס ביינדל איז פאַרצוקט צו ווערן גריזט.
עס איז דער וואָלף א קרבן פון אומוויסנהייט,
מיין ליב דאָס יונגע איז דער גורם פון זיין חטא.
ווען אין זיין מויל וועט טריפן שניי־הלדיק מיין בלוט,
פאַרקוק זיך דעמלט אויף די וועלפּעלעך, וואָס שפּילן זיך דערנעבן,
דער וואָלף איז נאַריש און ער ווייסט נישט וואָס ער טוט,
און מיר איז ליב א הונגעריקן זיך אלס קרבן אָפּצוגעבן.

— אָ, שעפּסל, ליכטיקע נשמה מיינע,
איך האָב דיך ווי א חבר אין דער נויט דערקענט.
אָן דיין תפילה האַרציקער
וואָלט וואָלט פון מיר דעם זינדיקן געוואָרן.
די טרערן שטיקן דיך? לאָז, וועל איך דאָס פאַר דיר מאַן...
אין זכות פון דיין געבעט איך וועל דיר מי פאַרשפּאָרן.

צוויי עפּל

דער בוים שיקט פּאַנאַנדער זײַנע זונ־שײַנעכלעך אין באַהאַן
אומגעדולדיקע און אומגעשטילטע:
— מיר זענען דורשטיק, —
שרײַען די עפּל, וואַרטן אויף די צווײַגן אָנגעלאָדן.
דער בוים בייגט זיך צו זיי אַרונטער:
— האַרציקע, וואָס ווילט איר? —
דער בוים איז, ווי דער פֿויגל איבער אים, חתונהדיק און מונטער,
אים איז זייער היימלעך פֿון די וואָרצל־שנעבעלעכס געשריי.
אויף איין צווײַגל זענען זיך צעוואַקסן עפּל צוויי:
איין עפּעלע פֿון אויבן וואַקסט מיטן קאָפּ אַרויף,
דאָס צווייטע אונטער דעם, באַהאַלטן און באַשטראָפֿט,
וואַקסט מיטן קאָפּ אַראָפּ.
זאָגט דאָס עפּעלע פֿון אויבן קיילעכדיק און גראָב
צו זײַן נידעריקן ברודערל, פֿאַרטרויערטן אין שאָטן:
— פֿאַרוואָס ביסטו נישט אין מיר געראָטן?
אפֿשר זאָל די זון דיר שיקן אַן עקסטרע שליחה?
בליען דאַרף מען שקאָץ איינער,
פֿונקט אַזוי ווי איך.
גיב אַ קוק ווי שיין דער דרויסן איז,
דורכגעזאַפּט מיט וואַרעמקייט און פֿרייד —
שוין אויף אונדז ביידן אַזאַ יאָר.
— ס׳איז וואָר, —
ענטפֿערט דאָס עפּעלע שטילערהייט —
כ׳וואָלט זיכער בליען גלייך ווי דו,
נאָר ליגסטו אויף מיר
און לאָזט נישט צו צו מיר מיט דײַן ברייטעניש
קיין טראָפּן רעגן,
און קיין טראָפּן זון דו לאָזט צו מיר נישט צו.
צו דיר קומען די רחבותן
מיט אַלעם גוטן גרייטערהייט.
ביסטו אַן עין־הרע אויסגעוואַקסן
אין דער לענג און אין דער ברייט.
אוודאי זענען מיר דעם בוימס אַלצײַנע קינדער.
נאָר וואָס קומט אַרויס דערפֿון?

דו ווערסט אַלײן שײַנענדיקער פֿון דער זון,
און איך פֿון שאָטן ווער אַלײן פֿינצטערער
און בלײכער.
דו געניסט פֿון אַלע מילדקײטן,
וואָס איז נאָר אין א זומערסאָד פֿאַראַנען.
דו בליִסט ברודערל,
און איך וויאַנע.

שוואַרצע צײַטן

פּאַפּירקעס גײען מיר פֿאַר מויערער, שאַבטײַערן,
פֿאַר באַלקאָנלאַדענער, וואָס פֿאָרן
אין גרעסטע פֿרעסט אויף אָפֿענע פּלאַטפֿאָרמעס,
און פֿילן אויס געוויסנהאַפֿט די נאָרמעס.
דער פּאַפּירקע־פֿאָרער קומט צום סוף,
ער רײניקט פֿון די שוואַרצע הריטען־בערעלער דעם שטאָף,
ער האָט זיי שפּעטערנס פֿײַנט די איבעריקע חריטן,
וואָס שלעפּן זיך דעם מלבוש נאָך.

* * *

בלויז אין שוואַרצער פֿאַרעס־צײַט
ווײַל פֿון קליפּטל זיך נישט שיידן,
ער קאָן דעם פּוצערס וועלטיקע פֿינגער נישט פֿאַרליידן
און אין די קנייטשן פֿונעם אַרבל זיך באַהאַלט.
ער גריבלט אויס אין אַ יאָמערלעכן טוואַלד —
די שוואַרצע אָדערלעך אין אים אויפֿגעשוויבערט קאָנב:
— היתכן?
פֿאַר וועלכע זינד אַזוינס קימט אַזאַ מין האַרבע שטראָף?
וואָס אַרט עס אים, אַז איך צעווישן אײַך דאָ לעבן?
פֿון וואָס איז אײַער דען געוועבן?
פֿון וואָס איז אײַער שטאָף? —
שרײַט דער פֿאַרקעם אויס די ביטערניש פֿון זיך.
— אַלע זענט איר דאָך דאָס אייגענע וואָס איך!
עס קאָסט אים טײַער,
וואָס כ'בין פֿון אײַך אַביסל פֿרײַער?
אַט גייט ער שוין דער פּוצער, דער רוצח!
באַלד זײַנט ער אײַך דאָ מיטן זײַט־מיר־מוחל איבער
און אויב ער וועט מיך, מײַנע מײַערע דאָ באַמערקן,
דאַן מעג איך מיטן לעבן זיך געזעגענען.
— אַ סוף —
שרײַט אויס אַ קערט־דרים פֿון שטאָף:
— ברידער זענען די
צוזאַמענגעזאַמלטע, פֿאַרוועבטע אינעם צײַג,
הכרזתדיק און איביק,

און דו האָבסט זיך אַרויסגעלייגט אויף אַנגה פֿון אויסטערליניק —
די לידיקגייעדישע צײַט.
— פֿאַר? איר ווילט מיר נישט אַנטקעגנקומען אין דער נויט? —
— רופֿט אויס דער „פֿרייער" הרים —
געדענקט, נישט איך אַליין וועל אומקומען פֿון אים,
נישט געלויבט בײַ מיר וועט ער איצט צונעמען דאָס לעבן,
אויך אײַך וועט ער קיין רו נישט געבן
מיט זײַנע בעקשט,
דער אויסוואָרף, דער באַנדיטנדערישט.
אויך איר וועט זיך בײַ אים נאָך לאַנג נישט באַזען,
אין דעם כ'בין הייליק איבערצײַגט.
— יעדער שוטה איז אַ האַלבער נביא. —
רופֿט זיך אַן אַ פֿעדעמל פֿאַרוועבט אין צײַג, —
מאַך בעסער צו דײַן אויספּליקעניש זיך גרייט,
די „פֿרייער" זעלבשטענדיקער לא־יצלח.
אין אַנדערער צונויפֿגעבונדנקייט
נייטיק זענען מיר און גזלער,
און די שלעכטערסט זיך אויסוויכט,
און דאָס באַליידיקט און פֿאַרדריסט,
העריבער וועט דיך דער ליבער פֿאָטער פֿליקן
און מיט אַ „ווײַטגעזונט" אַפּשיקן
אינעם שיינעם קויבערל פֿון מיסט.

אַ ניסן־ביימל און אַ קעסטל

עס האָט אַמאָל מיין שכן וויז־אַ־ווי
פאַרגלוסט זיך און זיין נישט פאַרשטיין
אַ צווייגל פון אַ ניסן־בוים צעבליט
פאַרפלאַנצן אין אַ קעסטעלע אַ קליינס.
דעם יונגן ביימל איז די וועלט געוואָרן ענג,
עס האָט די קעסטל־תפיסה נישט געקאָנט פאַרטראָגן
און מיט די וואָרצל־פינגערלעך געגומען שפּיזיק־שאַרף
טאַפּשען זיינע ווענטעלעך און שטעכן.
האָן זאָגט דאָס קעסטל צום לאַקאַטעריל געקרענקט
אַזוי צו זאָגן:
— פון ניסן־האָלץ עס זענען מיינע ברעטלעך, נישט פון אייזן!
צו וואָס מיך מיט צעשפּריטעניש צעברעכן?
אַ פויגל ביסטו דען, וואָס דאַרף די רחבות צו שוועבן?
דו האָסט אין מיר האָך אַלץ, וואָס נאָר אַ בוים באַדאַרף,
דאָס ביסל שוואַרצע ערד האָט זאַפט גענוג צו שפּייזן,
און קאָנסט בשלום אין מיר ווינען ס׳גאַנצע לעבן.
צי דען ביסטו נישט העכער פון די העכסטע גראָזן,
וואָס גרייכן דיר נישט ביז די קניען?
דו וועסט די קנעכלעך זיך פאַרקילן, ווען די ווינטן וועלן בלאָזן —
אַ בחורל ווי דו ליגט איינגעליגט און קוקט נישט ווי די פייגל פליען.

— איך פאַרשאַף דיר פייניען? —
דאָס ניסן־ביימל זאָגט עקשנותדיק און קאַלט —
וויל כ׳וויל זיך נישט געוויינען צו צוימען דיינע,
וואָס שיידן מיך פון מיינע ברידער אינעם וואַלד.
דיין ענגשאַפט גריזשעט מיך — אַ זשאַגוועדיקע קייט.
איך בין אין דיר שוין ווי געשטאָרבן לעבעדיקערהייט.
כ׳וויל פאַרמעסטן זיך מיט שטורעמס און געוויטערן,
עס זאָלן זומער־אָוונטן אין מיינע בלעטער ציטערן.
כ׳באַגער די וואַרעמקייט פון זון און פייגלדיקע נעסטן,
און דונערן, און האָגלען, און שטורעמדיקע שלאַקסן —
איך קאָן נישט זיצן אין דיין תפיסה אַ פאַרפרעסטער,
איך וויל נישט לעבן, אויב איך קאָן נישט וואַקסן!

אינהאַלט:

זייט

מיט האַרץ פאַרקלעמט פון וויי 3

דער רייץ פון מאָרגן־ליכט 4

א ליד צום חבר סטאַלין 5

באַשירעמער פון קינדער 6

צום חבר פרעזידענט 8

די ציגל פון וואַרשע 9

מויבן אויף רעגנבויגן 10

אין די ערד־טיפעניש 12

שמאָל־גיסער 13

צום געבוירנטאָג פון א חברטע 15

צו א פוילישע זינגערין 17

דער זייפן־בלאָז און דער ווינט־פויגל 18

אַ ניו־יאָרקער יידישע מאמע פון א רוצח אין קאָרעע
בעט ביים יום־כיפור ליכט פאַר איר זונס לעבן . 19

א פרוי פון א ניו־יאָרקער פראָפעסיאָנעלן פליער וויגט איין
איר קינד 20

צו אַן אמעריקאַנער יידישן זעלנער אויף זיין מאַרש
קיין קאָרעע 21

אַן אינוואַליד פון קאָרעער פראָנט קומט אהיים קיין ניו־יאָרק 23

דאָס שלום־ליד 25

בעלאַיאַניסעס טויט 27

דער וואָלף און דאָס נאַרישע שעפסעלע (משל) . . 28

צוויי עפל 29

שוואַרצע צייטן 31

א ניסן־בוימל אין א קעסטל 33